יצחק יואל לינעצקי

פֿײַנט : אַנ׳ז

אַ פֿאַנטאַזיע צו מײַן
זעבעציג-יאָריגען געבורטסטאָג

אָדעסא 1909

ПОСВЯЩАЕТСЯ
моему сердечному другу
юристу
Самуилу Львовичу Подорольскому
*отъ автора.*

## אַ שיר צו מיין זיעבּעציג־יאָהריגען געבורטסטאג.

כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול כי יעבור.
(תהלים, צ., ד.).

וואס מאכען סך־הכל אוים זיעבּעציג יאָהר
אין דער עוויגקייט ?—אפשר א רגע קאם, קאם!
נא, וואס קענען מען שאפפען אין איין רגע גאר ?
וואס מאכט פאר א רושם איין טראפפען אין ים ?...

דאך פעהלער און שטותים האב איך אנגעמאכט
אויף דור־דורות אין אט אדעם איין אויגענבליקק !
א רגע !—און אזוי פיעל קרבנות געבראכט,
וואס איין עוויגקייט קענען זיי ניט גיבען צוריק !

נאר איין נוטץ האט מיר דאך דיא רגע געבראכט :
א מודה־על־האמת צו ווערן אהן פארטיי :
כ'בין מודה, אז אללס, וואס מיר האט זיך געדאכט
פאר חכמות אין לעבען, זאר הויל שטות'עריי !

---

# א רשימה פון אללע מיינע ווערקע:

געדרוקט:

1) דאס פוילישע יונגעל.
2) דער לוח ,,אין כסף.
3) דער באוער מארשעליק.
4) דאס משלחת.
5) דער כל־בוניק.
6) דער פריטשעפע.
7) דער סטאטעק.
8) דיא פערעליך.
9) לוניעצקים וכילעאום.
10) ניט טויט—ניט לעבעדיג.
11) דער נאכאלנע ושיר.
12) אמעריקא צו ארץ־ישראל ?
13) געאגראפיע פאלעסטינע מיט דער קארטע.
14) דער ספר הזכרונות.
15) מאנאט־בלאטער, (12 העפטען).
16) איבער א פינטעלע. נאך י. ל. גארדאן: ,,קוצו של יו"ד".
17) די בלוטיגע נקמה, נאך ד"ר פהילופואהן: ,,טוראהא".
18) געשיכטע דער יודען נאך ד"ר גראטץ. (5 באנדער).
19) נתן החכם. נאך לעססינג: ,,נאטהאן דער וויזע".
20) הגדה לפסח. (אין געדיכטע).

אין מאנוסקריפט:

21) מיין יאהר־ליעדער־בוך מיט נאטען.
22) יודען אונד יודענטום (פארלאזונגען אין דער חברה ח"צ).
23) מעשה־בראשית.
24) קצור תולדות חיי. (אין העברייאישען).
25) וויא 2 טראפפען וואססער. נאך שיללער: ,,גלפע אלם אנקעל".
26) דבורה. (אין העברייעשען). נאך מאזענטהאלס ,,דעבארע".
27) אין א פערוואָרפען שטאדטעל. נאך קאהאן־גאוטאוו
,,въ глух. мѣст."
28) דיא איראפייאישע מוזא. נאך די בעריהמטעסטע
איראפ. פאעטען.
29) סדור ,,זמרת־יה". דאס גאנצע סדור אין געדיכטע.
30) תהלים ,,זמרות־ישראל". גאנץ תהלים אין געדיכטע.

---

א חוץ א מענגע ארטיקעלען אין מיינע 2 צייטונגען אונד קאלענדארען.

# פראלאג.

נאך מיט א יאהר דריי צוריקק האב איך פערדענקט אנצושרייבען עפעס א ערענסטעס ווערקק לזכרון פין מיין זיבעציג-יאהריגען יובילעאום—הויב גאטט וועט מיר שאנקען דאס לעבען—. זעלבסט-פערשטענדליך, אז קיין בעססערס אונד ערענסטערס אלס איינע פאללשטענדיגע אויטאביאגראפיע, האב איך ניט געפינען פיר אזא וויכטיגען דענקמאל, וויא א זיבעציג-יאהריגעם לעבען. אומר—ועושה: איך האב מיך שוין טאקע דעמעלט געשמאק גענעהמען צו דער ארבייט, ואונד, ביי אללע מיינע שוואכע קראפטע אונד שווערע-כראנישע קראנקהייטען, האב איך שוין אוספייעט אנצושרייבען א גאנץ לאנגע הקדמה אונטערען נאמען „זכות-אבות", אונד האב שוין נאר וואס געוואללט צוטרייטען צום ווערקק גופא; גישטעהר בלאטע!—איך ווייסס ניט, וויא מיט אללע אנדערע אויטאביאגראפען געהט פאר בעת נעהמען זיך צו דער מין עמפפינדליכער ארבייט; מיר קיממט עס עפעס אן מיט גרינע ווערעם: איינטינקענד דיא ערשטע פען טינט צום שרייבען מיינע לעבענס-געשיכטע, איז מיר אזוי קאלעמיטנע געווארען אויף דער נשמה, גלייך וויא דעם מאנן, וואס מוז אליין בעלייטען זיין פרוי צו א ראנדעוואו מיט איהר געליבטען... כ'לעבען, איך געה דאך תמיד מיט'ן אמת פין פארענט, חאטש שנייץ דיא נאז אונ שמיר דאס פנים... נאז וועלל איך דאך געוויסס מיינע אויטאביאגראפיע אויך שרייבען אין איהרע וואהרע, ריכטיגסטע פארבען: דאס שלעכטע וויא דאס גיטע, דאס מאוס'ע וויא דאס שאנע, דעם שאטטען וויא דאס ליכט... ניט פערלייגנעט, ניט פערפיטצט אויף א האר, וויא עס איז אין דער טהאט פארגעקיממען; היינט וועמען גליסט זיך עס האבען צוטהין פאר א וועלט מענשען מיט זיין טיעף-פער-בארגענעם „איך"? ובפרט איהם נאך הערויסשטעלען בפרהסיא א הויל-נאקעטען ווי דיא מאמע האט איהם געהאט? דיא וועלט איז דאך ניט קיין באדעל, חאטשע עס געהט שוין היינט אללעס אויף פארע... אונד קיין חתן האט נאך אליין ניט געפיהרט זיין כלה אין באד אריין!... הערויספיהרען דעם נאקעטען „איך" פאר'ן פובליקום: „נא, פאנע, בעה מענע!" קיממט עפעס פאר אזוי פריקרע, אזוי חוזק, וויא האבען צוטהין מיט'ן ווייב פאר דערוואקסענע קינדער איז



די אויגען: זידלען זיך? איז זעהר ניט שאן, אונד קישען—איז נאך מאוס'ער... אונד אזוי רעדענדיג צו זיך אליין, האב איך שוין טאקע אוועקגעשטעללט דאס שרייבגעצייג, אונד האב א נדר געטהין, איך זאלל אייביג ניט בעריהרען מיין „איך" אויף כי הוא זה, אונד לאז זיך מיין הקדמה וואלגערען אהן דעם ספר אלא-היי א זאקלאשטשענע אויף א שהיל אין פולען—אהן דער שהיל... צי דעם פרעדיגערס-צוגעגרייטער הספד אויף דעם נוטה-למות'דיגען גביר, וואס איז אויף צו-להכעים געזונד געווארען... אונ א מעשה מיט א-נ-עק!

דיא צייט דערווייל שטעהט ניט; איך האב שוין אבגעניוועצט נאך, א יאהר אונד קיין שטאף, צום אנשרייבען עפעס וויכטיגעס פיר מיין זיבעציג-יאהריגען יובילעאום, איז ניטא! אזוי שרייבען, אין דער וועלט אריין, איז היינט דייקע דא א סך מעהר וויא אין די גיטע יאהרען. אין דיא 60—70-גער יאהרען, ווען עס האט ביי אונז יודען אויך אויפגעפלאקערט דער פערצווייפעלטער קולטורקאמפף, האבען מיר, יונגע שרייבערליך, מיר קרבנות פאר'ן טובת הכלל, נאר איין עובדא געהאט, צו שרייבען פון דיא צוויי מינים „יזמ"ען: פאנאטיזם אונ ליבעראליזם, ניט מעהר! דערפאר אבער איז אונזער שרייבען געוועהן לויטער אריגינאל, אייגענס, היימישעס, יודישעס!... ניט נאכגעקרימט, ניט נאכגעהאמט פרעמדס, וויא דיא מאלפעס אונד פאפאגייען... מיר זיינען געוועהן דיא נאטירליכע האנען, וואס קרייען נאר דערפאר, וואס מע בריהט זיי אונטער דיא פליגעל, ניט דיא היינטיגע קוואקענדיגע הינער, וואס קרייען א מאל נאך דיא האנען אהן אייגענעם ברענן אונד איניציאטיווע, אונד בעקיממען דערפאר זייער וויסטען פסק, צו דער שחיטה... היינט אבער איז דא צו שרייבען פין תרפ"ט אלפים מינים יזמ'ען: ציאניזם, סאציאליזם, אנארכיזם, נאציאנאליזם קאמוניזם, דעמאקראטיזם, קאסמאפאליטיזם, מאדערניזם א. ז. וו. אללעס לויטער ניגיליזם, אללעס שמעקט מיט פיזם, אהן אשום לחלוחית פין יודאאיזם!... איהר זעהט דאך אליין, אז גראדע נאר יעצט איז דיא וועלט פערפלייצט מיט שרייבער אונד ביכער, וויא אדעססא מיט מייקלערס אונ שדכנים... ווער שרייבט דען היינט ניט אונ וואס שרייבט מען היינט ניט...? דיא גאנצע וועלט איז דאך היינט איין פאפיער-פאבריק אונד עס סטייעט דאך אפט ניט קיין פאפיער אין די טיפאגראפיעס! איך זאג אייך דעם אמת, אז מיך העבט אן שטארק בעזאפאקאיען: טאמער קיממט היינט-מארגען משיח, זאלל חלילה ניט סטייען קיין פאפיער פיר דער פאפירענער בריקק... אונ מיר זאללען חלילה

ניט בלייבען אויפ'ן וואַססער!... אונ דאָס איז ניט קיין פּוסטע זאָרג, וואָרען אַז יעצטט איז געוויסס משיח'ס-צייטען — דעראיינען בין איך ניט מסופק אפילו אויף אַ האָאָר; אללע דיא סמנים פון דיא נביאים אונד תלמוד'יסטען אויף משיח'ס-צייטען, האָבען זיך יעצט פערווירקקליכט מיט אַללע פּישטשעווקעס: „ירהבו הנער בזקן והנקלה בנכבד", זעהט מען ברוך השם אין אונזער יונגען דור בגלופין אַזוי, אַז דער טאַטע טאָר דעם זיהן אפילו צוריק אויך ניט שלאָגען... „וגר זאב עם כבש" זעהען מיר פשוט אין זיך אַליין: יעדער איז היינט אַ וואָלף אין אַ שאָפּענער פעלל... „עד שיכלו כל הנשמות שבגוף" געהט אודאי נאָר אויף היינטיגען דור מיט זיינע אויסגעדאַרטע, אויסגעמאַרכעוועטע גופות, אין וועלכע עס קענן זיך גאָר קיין נשמה ניט האַלטען, סיידען נאָר אַ רוח!... „בדור שכלו זכאי או שכלו חיב" מיינט מען דאָך געוויסס נאָר דעם היינטיגען דור-סורר-ומורה, וועלכער האַלט זיך פאַר כלו זכאי אונ דיא עלטערען — כלו חיב... נאָ, אונ דער סמן: „עד שתכלה פרוטה מן הכיס" געהט דאָך אודאי נאָר אויף יעצטיגער צייט: היינט האָט דאָך שוין דער בעטלער אייך ניט אַ גראָשען ביי דער נשמה... על כל פנים זעהען מיר, אַז שרייבעכצען איז דייקע היינט דאָ מעהר וויא תמיד, נישמעהר וואָס קיממט מיר העָרוים דערפון? דאָס איז דאָך נאָר אַלס שרייבעכצען אין דער וועלט אַריין; נאָ, וואָס זשע פאַר אַ שיכות קענן דאָס האָבען מיט מיין זיעבעציג-יאָהריגען יובילעאום?

אַ דאָ איז מיר, ערשט אין מיין 69-סטען געבורטסטאָג, איינגעפאַללען דיא אידעע, צו שרייבען אַ טאַגע-בוך פאַר דעם גאַנצען שנת תרס"ט, עס זאָלל פּינקט צו מיין זיעבעציג-יאָהריגען געבורטסטאָג פיקס אונד פערטיג זיין נאָר צום אָבפּרעססען, נישמעהר בלאָטע! געהמענדיג דיא פעדער אין האַנד אַריין, האָב איך אָנגעהעבען פיהלען אַ שרעקקליכע ספּאַזמע פין מיין אַסטמע, אונ איך בין קאָם אַ לעבעדיגער העָרוים אויפ'ן באַלקאָן נאָך פרישער לופט, אונ ערשט אַז דאָס געפאַהר איז איבערגעגאַנגען, האָב איך מיך גיפטיג צו לאַכט פין זיך אַליין: אַ דיא אַלטער מסוכן'ער חולה, צעבראָכענער שאַרבען, וואָס רעכסט זיך היינט-מאָרגען אין קינפּעט אַריין... נעהמסטי זיך אונטער פאַר אַ פּאָדראַטשיק אויף גאַנצע 365 טאָג!? שאַהמען מאַגסטי זיך אין דיין וויטען האַלז אַריין! ערשט פרייטאָג פאַרנאַכט ווילסטי פעררוּשטשינען חלה אויף שבת...? שוין גאָר ביים לעטצטען פּאָלוסטאַנאָק העבסטי זיך אָן אויסבעטטען אַ געלעגער אין וואַגאָן...?" אונד ניט לאַנג געטראַכט האָב איך שוין טאַקע פערוואָרפען דיא



פּיסטע איליוזיע אונד אוים מיט מיין טאַגע-בוך אויך!

נאָ, וואָס זשע טהוט מען ווייטער? איך בין אייך שוין מוחל מיין זיעבעציגיאָהריגען יובילעאום, כ'לעבען, ניט יעדעס ליאַדע שרייבערעל האָט דאָך דאָס רעכט זיך אָנצעוואַרפען אויפ'ן עולם מיט זיין יובילעאום! מיילע דער בעל-עצה אויף עשירות, וואָס איז, ערשט ביי זיין 66-סטען יאָהר, פליצעם דורך זיין אויסגע'שדכנ'טען שורבור, נתגלה געוואָרען אין דער היעגער רוססישער פרעססע, פאַר אַ „פּיסאַטעל-עקאָנאָמיסט", „פּיסאַטעל-פּעדאַגאָג", נאָך מיט איין אויפרוף, דער יודישער עולם זאָלל איהם טראָגען פדיונות פון אללע זייטען פאַר זיינע „גרויסע זאַסלוגעס"??? אונד ער פּראָטענדירט נאָך בזה הלשון: „וואָס זנאַטשעט אַ פדיון פון טויזענד קאַרבאָוועניצעס? יודען דאַרפען וויסען אַז איך האָב פיר'ן יודענטהום געטהין אַ סך מעהר ווי אַללע שרייבער אינאייגעם!?" אָט, ער האָט פאָלקאָמען רעכט: צו דיללען דער וועלט אַ קאָפּ מיט זיין יובילעאום!... איהם בין איך אַליין אויך גאָטאָף צו יובעלירען אַלס איין בריה, צו שאַפען פון זיך אַ „יש מאין"... ס'הייסט אויף פּראָסט גאָטט'ס יודעש: פון אַ נפוח אַ מישקעט-קויל... אָבער ניט וויא ווער!...

נאָ, מיילע, שאַנק איך אייך מיין זיעבעציג-יאָהריגען יובילעאום אונ ניט געטאַנצט... עס ווילל זיך מיר אָבער גלאַט [אַזוי מיט עפּעס דערמאָהנען דעם עולם אין מיין זיעבעציגסטען געבורטסטאַג: לאָזען זיך מיינע פריינד ערפרייען, ערפאַהרענדיג, אַז איך האָב שוין דערלעבט שבעים אונ לעב ווייטער, אונ מיינע שונאים — אַז אָט, אָט ווערען זיי פין מיר פטור!... אללען פאַללס וועלל איך העָרוים מיט רוחים: פאַר איין קללה, פאַר איין זידעל, וועלל איך געוויס בעקיממען טויזענד ברכות אונד יישר-כוח'ס, וואָרען גיטע פריינד האָב איך אין די טויזענדער אין אַללע קלאַססען דעם פאָלקעס, זאָגאַר די שוין עטוואָס אויסגעסוויטשעטע חסידים אונ מתנגדים אין כלל, אונד שונאים האָב איך נאָר דעם [קהל'שען זיידען מיט זיינע פרעמדע איינ יקליך, וועלכע ער האָט אויף מיר אָנגערייצט אוים געמיין-עגאָאיסטישער שנאה צו מיר דערפאַר, וואָס אין אללע ענציקלאָפּעדיען אונד ביבליאָגראַפישע רעצענזיעס פּאָארט מען מיך מיט איהם צוזאַממען, וועהרענד אָ דער מין בעל-גאוה'דיגער מיזאַנטראָפּ האַלט זיך גאָר פאַר „אני ואפסי עוד. — אונ דיא מין ציגיינער-שפּיעל „זיידע-איינקעל" קאָנווינירט פשוט פאַר ביידע צדדים: די איינקליך מיינען מיט זייער לעקקען דעם זיידען דאָס זעלבע וואָס קרילאָוום מאָפּסיק מיט זיין ביללען אויפ'ן סלאָן... און דעם זיידען איז דאָס פשוט ווי געווינשען,

וואָס די אייניקליך לעקקען אוים דעם נויט=שווייס, וואָס שלאָגט פון
זיינע לעטצטע מחבר'ישע ארבייט . . . איך אָבער דאַרף, ברוך השם,
ניט זיין קיין זנב לאריות, אונ וויל ניט זיין קיין ראש לשועלים...

אלזאָ וואָלט דאָך מיר זעהר כדאי געוועהן, אונטער אַ מי=
ליאָן ברכות אונד ביַיפאָללע, צו הערען פון אַ זשמענקע אומזים=
טיגע שונאים אַ האַווקע אויך, אונד געדענקען דעם דובנאָ'ר מגיד'ס
משל, אַז וואו נאָר אַ האַווקערײַ, איז אַ סמן פון אַ ישוב... נאָר וואָס
העלפט מיין וועללען, אַז מײַן מזוע איז, ווי אויף צו'להכעים, פער=
שטימט געוואָרען, אונ חאָטש שרייַ חי וקים ווילל זי מיר ניט צופלי=
סען עפּעס אַ מין אידעע, וואָס זאָלל פאַססען צו מײַן 70 יאָהריגען
געבורטסטאָג. אָט אַזוי האָט מיר נאָך אַ צייט געדאַרט מײַן קאָפּ,
טראַכטענדיג וואָס צו שרייבען, ביז איך האָב אַ קיק געטהין, אַז דיא
שפּיעל איז פאַר'ן טייפעל: איך האַלט שוין אַ חדשים 8 אין מײַן
זיבעציגסטען יאָהר, אונ עס הערבט זיך אפילו ניט אָן] יאַווען קײַן
זכר פין עטוואָס [אַ בעשטימטען סוזשעט צום שרייבען! אָ דאָ
האָב איך מיך איבערגעגעבען אויף גאָטט'ס בעראָטה: האָב 3 מאָל
אבגעשפּראָכען; מײַן פעדער מיט אַ שלום=עליכם שפּרוך, אונ האָב
איהר געגעבען די וואָליע, זיא זאָלל הערוים פין די אָהלאָבליעם
אונד, ניט פרעגענדיג מײַן דעה, זאָלל זי אָנטענטלען, וואָס סע ווערט
איהר נאָר אַרײַנפאַללען אין איהר אָפעריג מויל אַרײַן... טאַקע נאָר
אַ סיעתא דשמיא בנאמנות! מײַן בעפרייטע פעדער האָט זיך צו=
הילליעט אויפ'ן פּאַפּיער וויא אַ נאַיאָמשטשיק אונ האָט אָנגעפלוי=
דערט וואָס ניט געשטויגען אונ געפלויגען, אונד ס'איז הערוים די
פאָלגענדע פאַנטאַזיע צו מײַן 70=יאָהריגען געבורטסטאָג על צד היותר
טוב!... אונ אַז גאָט ווערט וועללען, וועט אָ דאָס באַזעמעל מײַנס אויך
שיסען גלייך מיט אַללע באַזעמליך פון דער הײַנטיגער מ אָ ד ע ר נ ע ר
ליטעראַטור...

## געבוירען־פּערלוירען.

ערשט נאָר וואָס פונ'ם בויך הערוים,
דעם נאָפּעל ערשט פּערקניפּט,
גראָבט מען שוין מײַן קבר אויס;
אַ וועלט שוין אָפּגעשטיפּט!..

אַללע יאָהר, אין דער נאַכט אויף ערב ראש=השנה, קימט
מיר אויפ'ן זכרון דער ספור, וואָס מײַן מאַמע עליה השלום האָט



מיר קינד=ווײַז דערצאַהלט וועגען מײַן געבוירען, אַז איך בין האַלבע
נאַכט צו זכור=ברית אויף דער וועלט געקימען אַ טויט קינד אונד
נאָך מיט אַ בּרידערעל,.. און וואָס פֿאַר מיטטעל מע האָט ניט איבער=
געטהין, אום מיך אויפצולעבען, האָט ניט געהאָלפען, ביז ערשט
צום טאָג האָט זיך די אַלטע בובע, ציפּע דערמאָהנט אין אַ סגולה
פינ'ם אַלטען ז"ל, אונ האָט מיך פערטאַסקעט אין קעך אַרײַן אונ
אויפגעהויבען מיך ביים געזאַסעל מחילה אויף איהר דאָלאָניע צום
עק אויפ'ן=אויוועז, אונ ניט מיט איהר קול האָט זי מיר גלייך אין
פּנים אַרײַן אַ געשרײַ געטהין: „יאָסקי"! (מײַן טאַטענס נאָמען.) האָב
איך באַלד געאָפּענט דיא אייגליך. (היינט גערע גלעב ניט אינ'ם
אַלטענס סגולות?..) נישמעהר וויא עס איז שוין דאָרט געוועהן,
דערווײַל בין איך אויף דער וועלט געקימען אַ פערשפּײַטיגטער,
(דיא לעטצטע נאַכט פינ'ם יאָהר.) אַ האַלבער, (פין אַ צווילינג.) אונ
אַ טויטער!—דאַכט זיך. נאָך אַזעלכע 3 צופאָללע, האָב איך, ניט
קיקענדיג אויפ'ן אַלטענס מופת, דען מינדסטען שאַנס ניט געהאָט
אויף לעבען מעהר פון אַ פּאָאר טאָג, ובפרט נאָך נאָך דער מילה!..
נאָר דער אום'ברחמנות'דיגער השגחה האָט זיך אַ פּנים געוואָללט
דערווייזען מיט מיר איהר בריה'שאַפט, אונ האָט מיך, וויא אויף צו
להכעים דורכגעפיהרט גאַנץ דורך אַזאַ לאַנג=נסיסה'דיג לעבען ביז
אין דער גרענעץ פון דעם בעשטימטען מענשענאַלטער. אַודאי האָט
אויף מיר יעטצט, ביים 70=סטען געבורטסטאָג, דער מאַמעס ספור
געמאַכט אַ=נ=אײַנדרוקק מעהר וויא אין אַללע פריערינע יאָהרען;
ביז יעטצט האָב איך מיר אַלס געדרינגען דעם פאָלגענדען „שמע=
מניה"ן קאָם דיא השגחה ניאַנטשעט זיך מיט מיר, פערשפּײַטיגטען,
האַלבען, טויטען פאַרשוין, אונד לאָזט מיך נעוואָלטיגען אַזוי לאַנג.
שמע=מניה, איז דאָך דערפון געדרינגען, אַז זיא מײַנט מיך געוויס
דערפיהרען צו עפּעס אַ געהויבענעם תכלית, צו עפּעס אַ וויכטיגען
ציעל... יעצט, אַז איך זעה מיך שוין טאַקע ביי דער גרענעץ אַ
בראָדיאַגע, לעדיג אונ לויז אָהן אַ פּיטצעל באַגאַזש... אָהן אַ ביססען
חאַרטש... אונ אפילו אָהן אַ שײַנצעטעל אויף יענער זײַט... יעטצט
האָט מיך פּריטשמעליעט דיא אײַזערנע קלאָץ=קשיא: צו וואָס זשע
אונ פין וועסטוועגען?.. צו וועלכע רוחות האָט די השגחה פער=
ברויכט איהר איבערנאַטירליכע קונסטשטיק, אַז סוף כל סוף, שוין
גאָר ביים עק בוידעם, זאָלל איך ניט מעהר זעהען פאַר זיך במזומן
פון אַזאַ לאַנגען, שווערען מאַרטיראָלאָג אין מײַן פינסטערער לעבענס=
געשיכטע, ווי נאָר דעם שער מיט'ן „תם ונשלם" און דאָס גאַנצע

ספר פעהלט?.. צוויי עקקען אהן א מיטט ?.. וויהין זשע זענען נעלם
געוואָרען גאַנצע זיעבּעציג יאָהר?!.:

זיעבּעציג יאָהר!!! דאכט זיך א גאַנצע עוויגקייט! לויט ס'יז
דערוויזען, אז אין פערלויף פין 80 טאָג קענן מען הערומרייזען דיא
גאַנצע וועלט—קענן מען דאָך במשך 70 יאָהר, ס'הייסט 25550 טאָג,
הערומרייזען די וועלט כמעט 320 מאָל, אונד אז איך קיק מיך אום
צוריקק אין אָ דעם לאַנגען תהו־ובהו'דיגען לעבּענס־טונעל, קיממט
ער מיר פאָר אַ סך, א סך קערצער פין דעם ווייבּערשען שכל אַזוי,
אז כמעט בּיידע עקען קיממען זיך צונויף אינאייגעם, אונד עס
בלייבּט אפשר קאָם, קאָם א שפּאַרינקעלע וויא א דערוואָרגענער גע-
ניץ די גראָסס... און אָ דעם געניץ ריהפט מען אָן „מענשען־אַלטער".
אונד ער קאָסט אָפּ אַזוי פיעל טרערען, מאַרעך און בּליט! אך, וואָס
פאַר א גיפטיגע איראָניע דאָס איז?!—איך קיק מיך איין אין אָט אָ דעם
טינקעל־גרויען האלבּען געניץ, קיממ איך אליין גאָר אוים אין דרוי-
סען, מיט איין פוס אין דער מאַמעס בּויך אונד מיט'ן צווייטען—אין
קבר; מיט איין הויער האָר איך דער בּובּעס „סול־טוב!" אונד מיט'ן צוויי-
טען—דעם „ברוך דין האמת"; מיט איין אויג זעה איך וואַרפען
דיא לייקעכליך אין מיין וויעגעלע צום „קריאת־שמע" לייענען, אונד
מיט'ן צווייטען—דיא לאָפּעטעס ערד אין מיין קבר אַריין. דער מאָ-
מעס זים־צאַרט־ליעדעלע: „אונטער איציקעלס וויעגעלע" מיט דער
מאָנאָטאָנע־קאַלטער באַסענשטיממע: „צדקה תציל ממות" מישען זיך
צוזאַממען אין א דועט, אונד איך שטעה א פערטימעלטער און פרעג
זיך פערצווייפעלט: „גוואַלד! ווי זשע פאָרט זענען הינגעקיממען גאַנ-
צע זיעבעציג יאָהר לעבּען?!.. און וועלכע רוחות טשעפּע איך מיך
נאָך אַלץ אָן אין דעם פער'כשוף'טען וואָגען אונד לויף נאָך סטרים
גאַלאָוואַי נאָך די רעדער..? איך זעה דאָך שוין בּעשיינפערליך, אַז
עפּעס נאָר א „ניט־גיטער" דרייט מיך הערום נישט איין—נישט אוים,
און דער „ווייטער" איז גאָר איינענטליך „צוריקק"... נישמעהר וואָס
העלפט עס, אז „בעל־כרחך אתה חיו"... וואָלט זיך חאָטש דאָס
לעבען אויסגעגיבען א הינציוועגס אַזוי קערץ און שמאָל ווי צוריקק-
וועגס... וואָללט איך שוין יאַקאָס, וויא עס איז, דורכגעקיממען מיט
דעם אום'ברחמנות'דיגען „בעל־כרחך", צום אונגליקק איז דאָך עס
אָבער ניט אַזוי: אָ בּ גע ל ע בּ ט ע 70 יאָהר זענען טאַקע ווירקליך
אַ סך קערצער פין א היינטיגער ליעבּע נאָכ'ן בעקיממען דעם נדן...
און אַ סך שמאָהלער פון די אומזיסטיגע תכריכים אין דער היגער
„פּאָגרעבּאַלנע־בּראַטסטווע"... אָבער א י בּ ע ר ג ע ל ע בּ ט ע 70 יאָהר



אָז זענען אַ סך לאַנגער פינ'ם יודישען גלות אונד אַ סך סקיטשנער,
ווי מוזענדיג זיך אונטערהאַלטען מיט א־נ־אַלטער, מיאוס'ער מויד,
וועלכע מיינט טאַקי אויף דער אמת'ן... און דאָך האָב איך מיך
דערמיט אָבּגעוואָצגעט בּיז אהער, אונד מוז נאָך ווייטער שטיפּען
דאָס וואָגעלע... גאָטט דער האַרר ווייססט בּיז וויא לאַנג נאָך!—
אונד נאָר איבּער אָ דעם מערדערישען „בעל־כרחך אתה חי"!..

אין אמת אַריין געשמיעסט איז גאָר ניט אַזוי די מעשה: ס'יז
נאָר פאַר בושה, נאָר לפנים שריי איך עס, אַז איך לעב נאָר אי-
בּער'ן „בעל־כרחך", אָבער אין זיך מיין איך מיט'ן שרייען דאָס
זעלבּע, וואָס דער ציגיינער מיט דיא קרעפּליך בּיים פריץ: „גיוואַלד,
לאָז נאָר איינער מיך האַלטען און צוויי לאָזען שטיפּען!"... ס'יז
טאַקע אודאי א בושה, א חרפה, אַז אַזא־נ־אַלטען, קראַנקען מחבר
זאָלל זיך אַזוי שטאַרק וועללען לעבען, נישמעהר, וואָס זאָל
איך טהין, אַז בּיי אלע מיינע פהיזישע געבּרוינטע לייִדען, פיהל
איך מיך דאָך אין זיך גאָר א יוננערמאַנטשיק, כמעט נאָך גאָר א
יונגעל, א קנדס!.. אללע מיינע שונאים אפילו זאָגען פה אחד: „אין
איהם זיצט א יונגע נשמה!" דער טאַטע מיינער איז צו 90 יאָהר
געשטאָרבּען א יונגעל. דער חלוק צווישען מיר מיט מיין טאַטען איז
נאָר דאָס, וואָס זיין דור האָט איהם איבּערגעלעבּט אונד מיין דור
האָב איך איבּערגעלעבּט... נישמעהר בּיים היינטיגען „מאָלאָדיאָזש"
הייסען אללע, שוין בּיי 40 יאָהר „איבּערגעלעבּטע"... ווייל היינט
לעבּט זיך די יוגענד אליין איבּער בּיי 20 יאָהר אַלט... „דור הולך
ודור בא" איז נאָר געזאָגט געוואָרען אויף אונזערע עלטערענס צייַ-
טען; דעמעלט האָט דער יונגער דור ניט געוואַגט אויפצוטרייטען
אויף דער געמיינשאַפטליכער לעבּענס־סצענע, בּיז דער אַלטער דור
איז ניט פיקס אונד פערטיג געוועהן אין וועג אַריין... היינט אָבער
דאַרף שטעהען פערקעהרט: דור בא ודור הולך, דער נייער דור
טרייט אויף פאַר דער צייט, און דער אַלטער מוז איהם בעל־כרחו
אָפּטרייטען דאָס פּלאַטץ... היינט ווערט דער קורס „גדול־בנים" אָבגע-
מאַכט נאָך גאָר פערפריא, אין די פאָלגענדע 4 קורצע פעריאָדען,
נאָך פאָלגענדער מעטהאָדע: צו 5 יאָהר אַלט וויל דער טאַטע אָנהייבען
לעהרנען דאָס קינד דרך־ארץ, נאָר דאָס קינד לאָזט זיך ניט; צו 8
יאָהר פּועל'ט שוין דער טאַטע בּיי זיך ניט צו לעהרנען דאָס קינד
דרך־ארץ, נאָר דאָס קינד העבּט אָן קריטיקירען דעם טאַטענס דרך-
ארץ; צו 12 יאָהר וויל דאָס קינד לעהרנען דעם טאַטען דרך־ארץ,
און דער טאַטע לאָזט זיך ניט; צו 15 יאָהר לעהרענט שוין דאָס קינד דעם

טאַטען דרך־ארץ, און דער טאַטע ווערט בײַ איהם אַ פּאָסלושנע
לעהרעניונגעל . . .

אַלזאָ, וואָס איז דאָס חדוש, וואָס איך, גרײַז־גרויער זקן, הײַם
בײַם יונגען דור אַ־נ־איבּערגעלעבּטער , ווערהעגד קאָם נאָר אַ
גרויע האָר, קאָם נאָר אַ טאַטע פיַן קינדער, שמעקקט עס הײַנט
דעם גילדענעם „מאָלאָדיאָזש” שוין מיט „סטאַריאָ...” און סטאַריאָ
טויג דאָך איהם אויף סים־סאָט כפּרות, עס מאַג זײַן אפילו לויטער
רענדעל־גאָלד!... פאָלגליך , אַז קאָם פיהל איך מיך אין זיך נאָך
גאָר יונג און פריש, האָב איך מיך כלל גאָר ניט וואָס צו שאַהמען
דערמיט, וואָס מיר ווילל זיך, בײַ אזא קראַנק־טיעפער עלטער, אַזוי
שטאַרק לעבּען.

איבּריגענס דאַרף איך דאָך ניט זײַן אַ־נ־אויסנאַהם פון אַללע:
אַללע יודען זענען להור נאָך לעבּען אַ סך מעהר ווי אַ חזן נאָכ'ן
עמוד אונ אַ מחבר נאָך כבוד... אונ דײַקע וואָס מעהר דאָס שלים־
מזל פערפאָלגט דעם יודען—דעסטאָ מעהר בּרענט אין איהם די
תאוה צום לעבּען, ווערהענד בײַם קריסט איז פּונקט בּער הפך: דער
קריסט לעבּט נאָר פון געגוּם וועגען, אונ קאָם גענהט איהם דאָס
לעבּען מיט דער פּיטטער אַראָב, אַזוי לאָזט ער עס געהן זײַן וועג
אונ אַלײַן בּלײַבּט ער אינטערשטעללונג סאַמע אין דער מיטט... דער
יוד אָבּער וויל לעבּען נאָר אַביא לעבּען! עס מאַג איהם אָנקימטען
שווערער פין 18 טויטען!.. פאַר וואָס דאָס איז אַזוי? איז גאַנץ פּשוט:
דער קריסט, אַלס קימטענדיגע אויף דער וועלט—אוים שטאַנדפּונקט
פון זײַן רעליגיאָן—אַ מוצאי־יום כּפּור'דיגער, סע הײַסט אַ פערטיגער
מחילה'ניק... אַ גרײַטער בן עולם־הבּא'ניק... לעבּט אײַן אײַגען מזומן
לעבּען, מיט אַ פאָללמאַכט דאַרויף פון זײַן גלויבּען, פון דער געמײַנ־
שאַפט אונד פון דער רעגיערונג, צו בּעניטצען זיך דערמיט, וויא נאָר
ליעב אונד ניחא ס'יז איהם... פערשטעהט זיך, אַז דאָס חפץ וואָס מע
האָט שוין בהן אויף תמיד, איז זעהער וואָלוועל: אַ מתנה איז גרינג
אַוועקצושאַנקען, אונ אַ ירושה איז לײַכט צו פערשוועגדען... ערשט
אַז די זאַך פעהלט, ווײַססט מען, וויא זיא צושאָטצען אונ וויא צו
ציטטערען איבּער איהר: דער הונדערטער אין קעשעניע איז ניט אַזוי
ציטטעריג אונ טהײַער, וויא דער לעטצטער פערציגער פין איהם...
דער יוד אָבער, קימטענדיג,—אוים שטאַנדפּונקט פון זײַן רעליגיאָן—
אויף דער וועלט אַ ראש־חודש־אלול'דיגער, אײַן אײַביג־פערזינדיגטער,
אַ שטענדיגער גיהנום־קאַנדידאַט... ער לבּעט אַ פרעמד, געבּאָרגט
לעבּען, מיט אַ חרם דאַרויף פון זײַן גלויבּען, פון זײַן קהל אונ פון



דער רעגיערונג. אַ מינוט לעבּען קאָסט איהם אָב דאָס לעבּען! בײַ
וואָס פאַר אַ־נ־אומשטאַנד, אין וואָס פאַר אַ צײַט־אַלטער מע זאָלל
איהם ניט אַ חאַפּ טהין, האָט ער נאָך כלל ניט אָנגעהעבּען צו לעבּען,
נאָך גאָר ניט אויפגע'חתמה'ט זײַן אָנווײַזונג... ער האַלט נאָר אין
אײַן שטיקק אויסצאָהלען פאָראוים אַ ניט־שולדיגען חוב, אויף ערשט
אַ מאָל צו לעבּען... אַודאַי ווילל זיך איהם ניט שטאַרבּען אומגעלעבּט!
יועמען ווילל זיך עס אָבטרײַטען זײַן לאַטערײַ־צעטעל אַ טאָג פאַר
דער שפּיעל?—אונ ער מײַנט דאָך אַללע טאָג, אַז מאָרגען וועט ער
שוין געוויסס עפּעס אויסשפּיעלען... הכלל, דעם קריסטס לעבּען איז
אַ לוסטרײַזע אונ דער טויט—זײַן הײַם... דעם יודענס לעבּען אָבער
איז אַ עטאַפּ אונ זײַן טויט—דער עשאַפאָט... אַודאַי איז איהם שטענדיג
ניחא'ר נאָך אַ טאָג, נאָך אַ שעה זיך צו וואָגלען אין זײַן פינסטער־
וויסטען וועג, אײַדער שוין טאַקע געהען אויפ'ן עשאַפאָט, ובפרט
נאָך אַלײַן זײַן דער תלין אויף זיך?... דאָס אַודאַי ניט! אונ ווײַטער,
ווער ווײַססט? אפשר פאַבריקירט זיך בײַם רבונו־של־עולם דאָס יודישע
לעבּען נאָך דער זעלבער קאָנסטרוקציע, וואָס דיא יודישע געפּיללטע
פיש: וואָס מעהר פעפער מיט ציבעלעס—איז אַלץ געשמאַקער!...
יהיה איך שיהיה, לײַד איך אונ שלעפּ מיך אונ לעב אונ האָף
אויף ווען עס איז אויסצאָהלען מײַן אונשולדיגען חוב... אונד סוף
כל סוף שוין ווערען אַ מאָל אַ בעל־הבית אויף מײַן פרעמד־געבּאָרגט
לעבּען.

מאָהלט אײַך אַ שטײַגער, ווען אָ דער אונמאַגליכער ווינש
מײַנער זאָלל זיך. איבּער'ן הונדערטען־טויזענטען פאַלל, שוין אפילו
יאָ פערווירקקליכען! בין איך דאָך אויך ערשט גליקקליך וויא דער
ראַבּער קוטער: אַ שאַן שטיקק בעל־הבית קען מען הײַסען אויף
אײַן עובר־בטול'דיג לעבּען... אַלס מחבר, בין איך דאָך שוין העכער
20 יאָהר אַ עליו־השלום'ניק, אײַן איבּערגעלעבּטער בײַ מײַן ליעב־
האַרציגען פאָלק בכלל אונד בײַם יודישען שרײַב־געזונדעל בפרט!
אונ וויא דער אמת איז, וואָס איז אַ מחבר אָהן געדרוקקטע ביכלעך?
פּינקט וויא אַ חזן אָהן אַ קול, צי אַ פאָטשטאָווע פערד אָהן אַ גלאָקעל...
אַ מחבר בײַ יודען בני־רחמנים האָט דאָס רעכט אויף לעבּען נאָר כל
זמן ער ליעפערט געדרוקקטע ביכלעך דעם עולם—עס מאַכט ניט אוים
אפילו קעבּעבּע, צי הונדיג־זאָטטען, אַביא דעם עולם עפּעס צו מעלה־
גרה'ן... קאָם אָבער ווערט ער אַ מקשה־לילד, אַזוי מאַג ער אפילו זײַן אַ
געוועזענע ושעני, אַ פאָלקס־ליעבלינג—מוז ער זיך שוין טאַקע אײַנ־
שרײַבּען אינ'ם חברה־קדושה־פּנקס פאַר אַ מת, אונ אַז ער פער'עקשן'ט

זיך אָבֶּער אונ לעֶבּט פאָרט, הײַסט עֶר שוין אײַן עולם-התועה'ניק, אײַן איבּערגעֶלעֶבּטעֶר!— אָנזועֶטצעֶרס; האָבּעֶן דאָס רעֶכט צו לעֶבֶּען אױפ'ן קאָנט פין זײַער אמאָלעֶדיגעֶן בּטוחות; אָבּגעֶפּאָרעֶנעֶ יאַבּעֶדניקעֶס-כּאָראַקטײַעֶס—אױפ'ן קאָנט פין זײַער געֶוועֶזעֶנעֶם חשובות בײַ נאַטשאַל-סטוואָ; אַלטעֶ סטאָטצקעֶ גבּא'טעֶם—אױפ'ן קאָנט פון זײַערעֶ חטאות-נעורים... נאָר ניט אַ מחבר אױפ'ן קאָנט פין זײַן אַלט-ליטעֶראַרישעֶן דיפּלאָם. מעֶרקקווירדיג, בּנאמנות! דעֶר יוד בּאַנגט דאָך אַזוי נאָך אַ ר עֶ כ ט עֶ ן בּיך פּינקט, וויא דעֶר דאָקטאָר—נאָכ'ן בּ עֶ ז פ ל אַ ט נ עֶ פּאַציעֶנט... ווען דעֶר מחבר אַלײַן זאָלל עֶס איהם ניט אָנוואַרפעֶן מיט געֶוואַלד, בּתורת נדבה... וואָללט עֶר עֶס דאָך אײַבּיג ניט גע-וואָלט אָנקיקעֶן פאַר זײַנעֶ זינד, אונד קאָם הערט אויף דעֶר מחבר צו דריקקעֶן ביכלעֶך, אַזוי ווערט עֶר אויף איהם מלא כעס וחמה, גלײַך עֶר וואָללט איהם אַראָבּגענעֶהמעֶן דיא ריבֶּען פין'ם פעֶלד!... דאָס קימטט פאָר עֶפּעֶס אַזוי קאָממיש פּינקט אַשטײַגעֶר, וויא דעֶר מאַהן, וואָס ווינשט שטעֶנדיג דעֶר מרשעת זײַנעֶר, זיא זאָלל שטימם ווערעֶן, אונ אַז איהר נעֶהמט פּליצעֶם אָב דאָס לשון, לעֶגט עֶר אײַן דיא וועלט!...

נישמעֶהר וויא אַזוי עֶס איז שוין, דעֶרווײַל הײַס איך פאַר דעֶר צײַט אַ-נ-איבּערגעֶלעֶבּטעֶר, אַ עליו-השלום'ניק אַזוי, אַז דאָס גאַנצעֶ פּראַהלעֶרישעֶ שרײַבּ געֶזונדעֶל וויל אפילו נאָך מיר קײַן יאָהר-צײַט ניט שטעֶללעֶן, קײַן אײַנציגעֶן קדיש נאָך מיר ניט זאָגעֶן, אונ אפילו קײַן „לחיים" אויף מײַן עלית-נשמה ניט טרינקעֶן... אונ טאָמעֶר חאַפּט זיך יאָ אַ מאָל אויסגעֶהעֶרעֶן העֶרוים אײַנעֶר פין טויזעֶנט אונ מאַכט מיר אַ „מלא" אין דעֶר אָפעֶנטליכעֶר פּרעֶססעֶ, איז חוץ וואָס עֶר אַלײַן רעֶדט פין מיר מיט אַזאַ חשק וויא, לעֶזעֶנדיג דעֶם טאָטעֶנס צואה, אין וועֶלכעֶר עֶר הײַסט גאָר פאַר זיך חובות צאָהלעֶן... מאַכט נאָך דאָס גאַנצעֶ טעֶנטעֶל-געֶזונדעֶל פין איהם חוכא וטלולא, וויא פין אַ פעֶרשלאָפעֶנעֶם האָן, וואָס האָט זיך פעֶרשפּײַטיגט מיט זײַן „קוקו-ריקעֶ" שוין אויפ'ן ווײַסעֶן טאָג... וויא אײַנעֶר רעֶדט: „שוטה! וואָס האָסטו זיך אַזוי שפּײַט דעֶרמאָנט? עֶר איז טאַקעֶ אַ מאָל געֶוועֶהן אַ פּאָטשטאָווע פעֶרד, נאָר שוין לאַנג אָ בּ ג עֶ ד אַ ו ו עֶ נ ט! עֶר האָט אַ מאָל טאַקעֶ אמת גיט געֶזינגעֶן, נאָר זײַן ליעֶדעֶלעֶ איז שוין לאַנג, לאַנג אָ בּ ג עֶ ש פּ י ל ט!.."

„אָ בּ ג עֶ ש פּ י ל ט" האַ?—אָ! הלואי וואָללט עֶס טאַקעֶ א-נ-אמת געֶוועֶהן, וואָללט איך חאָטש געֶקעֶננט רוהיג שטאַרבּעֶן, אונד אין קבר חאָטש חלום'עֶן וועֶגעֶן מײַן עם קשה-עורף'ס תקומה!... הלואי



וואָללט איך שוין טאַקעֶ ווירקליך געֶוועֶהן דאָס „אָבּגעֶדראַוועֶנטעֶ" פּאָטשטאָווע פעֶרד, וואָללט איך, בּנאמנות, בּשמחה רבה אַלײַן פין זיך דאָס גלאָקעֶל אַראָבּגעֶוואָרפעֶן, אונד וואָללט מיך אַ סך ליעֶבּעֶר אין אַ מיסט-וואַגעֶלעֶ אײַנגעֶשפּאַנט, אײדעֶר צו שלעֶפּעֶן מײַן קלעֶנסט יודעֶלעֶ בּײַ דיא אויעֶרעֶן פין זײַן פעֶר'עפּוש'טעֶר בּלאָטעֶ העֶרוים!... צום אונגליק האָט אָבּעֶר מײַן גלאָקעֶל נאָך כלל גאָר ניט אויפגעֶ-העֶרט קלינגעֶן אונד מײַן ליעֶדעֶלעֶ—צושפּיעֶלעֶן. מײַן אַלט-פעֶרגיפּטעֶטעֶ פעֶדעֶר האָט נאָך אויף קײַן מינוט ניט פעֶרמאַכט איהר שוואַרץ-געֶשליפעֶן פּיסקעֶל, האַלטעֶנדיג כסדר אין אײַן שטיק סלינעֶן איהר ניפטיגעֶן נאַוועֶר אויף איבּעֶר-צו-וואַשעֶן דאָס יודישעֶ קויטיג-גרײַט... אונ צו-וואַשעֶן איז נאָך דאָ, בּרוך השם, אויף קינדס-קינדעֶר זאָקעֶן צוּבּעֶנעֶהעֶן, אַ סך מעֶהר, בּנאמנות, וויא אין די 60—70-געֶר יאָהרעֶן! בּימי דאָס „פּוילישעֶ יונגעֶל" האָט דעֶם יודעֶן צו „יוד" געֶפעֶהלט „מעֶנש"... שפּײַטעֶר, בּימי דעֶר וויסטעֶר „אַסימילאַציאָן", האָט איהם צו „מעֶנש" געֶפעֶהלט „יוד"... יעֶטצט, אין זײַן געֶקינצעֶלט-אויפגעֶבּלאָזעֶנעֶם „נאַציאָנאַליזם", אין זײַן נײַעֶר, אויף גיך אויפגעֶ-סטריגעֶוועֶטעֶר, עֶגאָאיסטישעֶר „זעֶלבּסט-עֶרקעֶננונג" אַ לאַ „יאַ טיעֶבּעֶ דאַם"... פעֶהלעֶן איהם דיא בּײַדעֶ; אַללעֶס, וואָס נאָר איהר ווילט אונ ווילט ניט, איז עֶר: אַ ציאָניסט, אַ בּונדיסט, אַ בּאָמבּיסט, אַ סאָציאַליסט אונד כל המינים „יסט'עֶן", רחמנא לצלן, שבעולם... נאָר ניט יוד אונ ניט מעֶנש!—פעֶרשטעֶהט איהר שוין, וואָס פאַר אַ כלאָס קויטיג-גרײַט מעֶ האָט הײַנט איבּעֶרצוואַשעֶן?... הײַנט ווי קעֶנן עֶס מאָגליך זײַן, אַז בּײַ אַזאַ ווירוואַר אינ'ם יודעֶנטהום וויא יעֶטצט, וועֶלל איך, אַלטעֶר זעֶלנעֶר, גאָר שטעֶהעֶן פעֶרלעֶגט דיא האָנד אונ קיקעֶן, וויא פאַגעֶליך פליהעֶן?...האַ?

„אָבּגעֶשפּיעֶלט" „זאָגט איהר", אָבּגעֶדראַוועֶנט", שוטים! איז דעֶן מײַן שרײַבּעֶן בּעֶשטאַנעֶן פון פאַבּריקירטעֶ ראָמאַנעֶן, נאָוועֶלעֶן, שירים אונ טרעֶאַטעֶר-שטיקק, וואָס שיקקט זיך צו זאָגעֶן, אַז אויף דעֶר עֶלטעֶר האַט זיך מיר אויסגעֶלאָזט פּאָדעֶס... אונ איך האָבּ געֶמוזט אוים פּאָדראַטשיק ווערעֶן?—מײַן שרײַבּעֶן איז תמיד בּעֶשטאַנעֶן אין קרײַעֶן, האַווקעֶן אונ בּיללעֶן אויף די פּריוויליעֶגירטעֶ פאָלקס-גנבים, בּעל-טובה'ניקעֶס, רעֶדעֶל-פיהרעֶר, קאָך-לעֶפּעֶל אונד קהל-פּרעֶססעֶר; עֶס הײַסט, איך האָבּ אימעֶר אַראָבּגעֶריסעֶן די צבוע'טשיעֶשעֶ מאַסקעֶס און העֶרויסגעֶשטעֶללט וואָהרהויפטיג די אַללעֶ פאָלקס-וואַמ-פּירעֶן, פּיאַווקעֶס אונד בּאָליאַטשקעֶס, וועֶלכעֶ איך האָבּ מיט מײַנעֶ אויגעֶן אַלײַן געֶזעֶהעֶן אונד מיט מײַנעֶ אויעֶרעֶן אַלײַן געֶהאָרט אונד,

פאָלגליך, אַז „אָבגעשפּיעלט“ קענן אַנדערש ניט געשעהן נאָר אין
איינעם פין די 2 פאַללע: אָדער ווען איך זאָלל חלילה בלינד אונ
טויב ווערען, אָדער ווען מיינע פאָלקס-פּרעססער זאָללען אללע ניט
אונ פריס ווערען... קאָם בין איך אָבער, דאנקען דעם אל מלא רחמים,
נאָך זאַהענדיג אונ האָרענדיג, אונ דיא פאָלקס-בליטצאַפּער—זע-
נען, דאַנקען דעם אל ארך אפּים, נאָך ערגער ווי פריער, איז
דאָך עס אַ כשר'ר טאָפּ מיט אַ כשר'ן לעפעל!... זיי טרייבען אַלץ
זייערע גנבות, גזלות אונד טאַשענשפּיעל, אונ איך זעה דאָס אַלץ
צו אונד פערשרייב עס מן הסתם אחת לאחת, כדבעי... היינט ווי
געשיקט זיך דאָ זאָגען „אָבגעשפּיעלט“?... שוטים שבעולם! אַזאַ אַרט
שרייבען שפּיעלט זיך ניט אָב ביז דער לעצטער גסיסה! וואָרען כל
זמן דער אמת געטרייער הונד זעהט און האָרט נאָך דעם גנב קרי-
כען אין פענסטער אַריין, מוז ער האַווקען, עס העלפט ניט קיין
אונטערגעוואָרפענע סם-לייקעכליך... אַנדערש קענן ניט זיין!

אַלזאָ איז מיין ליטרעלע געוויס ניט אָבגעשפּיעלט'; איי פאַר
וואָס לאָזט עס זיך אַזאַ צייט ניט האָרען?—דאָס איז דאַריבער, ווייל
געמיינע גאַסען-כלי-זמר האָבען אויפגעשפּיעלט... תחלת דיא יונגע,
ערשט נאָר וואָס געוועזענע יאַרע אַסימילאַנטען, יאָלקעניקעס, רו-
ססישע כפרה'ניקעס, ערפאַהרענדיג, דורך דעם ערשטען פּאָגראָם, אַז
זיי זענען אויך „זשידעס“ האָבען זיי זיך—נאָר אויף צו להכעיס זיי-
ערע ערשט-נאָכטיגע פּאַני-בראַציעס, אלס ר ע וו אַ נ ש—פּליצעם איבער-
געקעהרט אין שנעלל-געבאַקענע גוי'עשע-ארץ-ישראל-יודען... אונ האָ-
בען אין אַללע צייטונגען אונד זשורנאַלען אויסגעפּויקט אונ אויסגע-
שפּיעלט דאָס טאָנצעל, צום ניי-געשאַפּפענעם עגל „נאַציאָנאַליטעט“...
אונד שפּייטער, ווען כמעט אַללע האָבען, דורך דעם שווינדעל, ער-
רייכט פערשיעדענע קאַריערען אונ דאָס מין פיקטיווע התלהבות
איז גאַנץ אָבגעקהילט געוואָרען, האָבען—נאָכקרימענדיג דעם איי-
ראָפּייעשען „מאָדערניזם“—אויפגעטרייטען גוי'עש-יודישע כלי-זמרלי'ך
וואָס צושאַפּען עטוואָס וויכטיגעס, לאָגישעס אונד נוטצליכעס זענען
זיי ניט אומשטאַנד, האָבען זיי זיך אָנגעחאַפּט אן דעם „מאָדערניזם“—
דאָס איז לייכט, וואָלוועל אונ סע לאָפּטשעט... דאָ ברויכט מען
ניט קיין אינהאַלט, קיין זיננען; דער עקר איז נאָר דאָס „סימוואָלי-
קום“... דיא „שטיממונג“, „Настроеніе“, פּינקט ווי ביי די חסידים
דער „זהר“. וואָס נאָר דאָס ז אָ ג ע ן אַליין איז מסוגל צו דער
נשמה... דאָס דאַרף ניט פערשטעהען, ניט דער שרייבער, ניט דער
לעזער, אַביא נאָר וואָס מעהר ע פּ ע ק ט נ ע ווערטער אונד פראַזען,



וואָס מעהר פּ אָ ק ו ס ד י ג ע ס פייערווערק אונד קאַליידעסקאָפּישע
זייף-בולבעס, אונד וואָס מעהר פּ י נ ט ע ל י ך, צום אָנשטויסען זיך דאַ-
רויף, צו וואָס יעדער, נאָך זיין תאוה נאָך, גאַארט אינ'ם לעבען...
אָ די ביידע קאַטעגאָריען גאַסען-כלי-זמר האָען פערפלייצט דעם
גאַנצען ליטעראַטור-מאַרק מיט אַללע דרוקקערייען, מאָנאָפּאָליזירט
דיא גאַנצע יודישע פּרעססע אַזוי, אַז פיר די אַלטע, הערר ליכע
קריטיקער-פּובליציסטען בכלל אונד פיר מיין זשאַנער שרייבען
בפרט, האָט ניט געסטייעט קיין פּלאַטץ אפילו פיר איין ציילע!
אַוודאי אַז סאָראָקעס צוקראַקען זיך, מוז דער סאָלאָוויי פערשטיממט
ווערען... ווען די גלאָקער הידרען, האָט דער שופר ניט וואָס צו טהין...
וואָס וואָלט געזונאַטשעט מיין ווייגענדיגע ליירע אונטער דעם היללעכ-
דיגען ליארעם פין די ניי-כלי-זמר'שע טאַצען און פויקען, פּינקט
ווי די טיעפע זיפצען פין ג ע צ וו י נ ג ע נ ע חתן-כלה צווישען די
מחותנים'ס טאַנצען אונ פליעסקען פון אונטער דער חופה הערוים...

יהיה איך שיהיה, דערווייל איז הערום מיר גאָר ניט פרייליך: אַ-נ-
„איבערגעלעבטער“ צו לעבען, דאָס איז אַ לאַנגע שווערע גסיסה... דאָס
איז נאָך שרעקליכער אלס דעם ליטאַרגישען מת בעת זיין אויפחאַפּען זיך.
אין קבר! אונ דאָס איז שוין ווירקליך טאַקע נאָר דעם אומ'ברחמנות'דיגע
„בעל-כרחך'ס“ שטיקעל אַרבייט... אָ דאָס, זעהט איהר, טרייט מיר אָפּט
אַזוי צו צום האַרצען, אַז איך בין אין דער מינוט שוין אויך קאַ-
פּאַל זיך אַ מעשה אָנצוטהין! איי פאַר וואָס טהי איך עס ניט?—
איז גאָר אַ פּשוט'ע מעשה; קאָם קיממט מיר נאָר הערויף דער
געדאַנק פין אַ מעשה זיך אָנטהין, אַזוי באַלד העבט זיך אָן אַ מעשה
מיט דער פראַגע: וואָס פאַר אַ מעשה זאָלל איך מיר צוקלויבען אויף
אַ מעשה אָנצוטהין?—כ'לעבען, דער יוד לעבט דאָך נאָר פין יענעמס
וועגען, ס'הייסט, ניט חלילה פין יענעמס טובה וועגען, נאָר גלאַט
אַזוי, יענעם צו דערוויזען, אַז... אַז... נאָ, חאָטשע, אַז ער פער-
שטעהט דאָס לעבען מעהר פין אַללע... אונ קאָם לעבט ער נאָר
פין יענעמס וועגען, מוז ער דאָך שטאַרבען אויך נאָר פון יענעמס
וועגען, ס'הייסט, דערוויזען, אַז מיט זיין טויט האָט ער עס אויך אָב-
געמאַכט וויא אַ באָס... אַלזאָ, מוז מען דאָך צוקלויבען אַזאַ מין
ציקאַוועריגע מעשה, וואָס זאָלל פערגאַפּען דעם עולם, ניט וויא
אַ פּראָסטער בשר ודם... אונ אַז איך העב אָן קלויבען, האָבען ביי
מיר אַללע מעשות אַ פּנים פון חוזק, איינע פּשוט'ער אונ פלאָסקער
פין דער אַנדערער, אונד איך קענן מיר באין אופן ניט צוקלוי-
בען עפּעס אַ מין זאַגרעבאַר-קעקקטנע מעשה! למשל, אַ מעשה

פין הענגען זיך וועט נאר ניט פוצע יואל זיין: אט הענג איך
מיין גאנצען לעבען אין ספק... אונ דער רוח האט מיך ביז אהער
ניט גענעהמען! וועט מען דאך פין מיר מאכען טערעס: „ער האט נאר
געוואללט משוואניען און בלייבען א לעבעדיגער מוטשעניק...
טראנקען זיך? קענן איך אויף צולהכעים ניט שווימען אונ גריני-
טעווען אונטערען וואססער, וועט מען דאך אוספיען מיך הערוים-
חאפען א לעבעדיגען אונד נאך אנפאטשען א וויא-הייסט-מען עס...
סיידען מיט גוואלד צוהאלטען דאם מויל אונד ניט אטהעמען—
הארסטי! איך זאלל וויעדער קעננען האלטען מויל... וואללט
איך דאך נאר צו קיין מעשה ניט בעדארפט אנקימסמען... קוילען
זיך? האב איך מיך קיין שחיטות ניט געלעהרענט, אונ אויף טרפ'ס—
מיאום איך מיך פשוט. פערברענען זיך?—קענן מיך א יודעל מסור'ן
פאר א פאדזשאג. פערטשאדען זיך?—איז דאך דאס א מעשה אויף
שעה'ן לאנג, קענן איך דאך אינמיטטען-דעראיננען חרטה האבען...
פער'סם'ען זיך?—דאס וועט געוויסס קיין שום פעולה ניט מאכען: דאס
הארץ פין א הומאריסטישען-קריטיקער איז א נעגענגיפט געגען דעם
געפאהרליכסטען סם!... אראבווארפען זיך?—בא, בא! איך זאלל
מיך וויעדער קעננען אראבווארפען, וואלט מיך דאך דאס
שרייב-געזונדעל ניט געמאכט פאר א עליו-השלום'ניק ביים פאלק...
בלייבט נאר, אלזא, דאס איינציגע עפעקטנע מעשה: „פוליא אוב
לאבו!" דאס איז טאקע נאר לעילא ולעילא: אי שונאים וועללען צעפיקעט
ווערען גאפענדיג: „אזא פערשלעפטע קראנק אויך מיר א שיסער!"...
אי איך שטעלל דא נאר ניט איין, וויל 99% איז צו רעכענען,
אז איך וועל מיר ניט טרעפען, ווארען מיין מחבר'שע האנד איז
שוין 50 יאהר כסדר געוואהנט צי שיסען נאר פין זיך, ניט אין זיך...
דערוויל וואללט מען מיך גאר איבערנייעס געגעהמען אין דיא
מיילער—אונ דאן בין איך דאך שוין ניט קיין „איבערגעלעבטער"...
נישמעהר ערשטענם האב איך מורא פאר א פאסטויל, ווי פאר'ן
מלאך-המות, אונ צווייטענס זאג איך אייך אונטער 4 אויגען דעם
רעכטען אמת: איך האב פשוט מורא פאר דער מורא: אולי טאמער
חלילה וחלילה, איבער'ן הונדערט-טויזענטען-פאלל, טרעף איך מיר
יא—ווער איך שוין טאקע פערשטארבען מיט אללע אברים אונד
בין מוחל קנין מיט מנין: לאז זיין א-נ-איבערגעלעבטער, אביא
חלילה ניט שטארבען!... אט אזוי לאזט זיך תמיד אוים פין אללע
מעשות א מעשה מיט א בעער, אונ איך לעב טאקע וויטער א-נ-אי-
בערגעלעבטער, חאטש טהו זיך א מעשה אן!...